STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11201

# LI=TAY=PE

Li Po

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# לי=טאַי=פּע

איבּערדיכטונגען

פּען־ביכער

נחום באָמזע

# לי־טאַי־פּע

איבערדיכטונגען

ש. ניגער

INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH
1/16807

ביבליאָטעק פון יידישן פּ. ע. נ.־קלוב — וואַרשע 1937

Copyright by M. Rawicz, Melbourne 1937.

Printed in Poland

הילע געצייכנט פון מ. רייף.

PEN - BICHER

NUCHIM BOMSE

LI-TAI-PE — Iberdichtungen

Wydawnictwo: Biblioteka Żyd. PEN-Klubu
Warszawa 1937

Druk M. Nomberga, Warszawa, Leszno 19.

חנה׳ן

לי=טאַי=פּע איז געבוירן אין יאָר 699 לויט דער קריסטלעכער צייט=רעכנונג. זיין שאַפן פאַלט אויס אויף דעם פּעריאָד פון דער טאַנג=דינאַסטיע, בעת די כינעזישע פּאָעזיע האָט דערגרייכט דעם העכסטן קינסטלערישן אויפשטייג. צו יענער צייט זענען אויפגעקומען אַ גאַנצע ריי דיכטער, וועלכע האָבן דערהויבן די פּאָעזיע צו אַ גאָר הויכער מדרגה. אָבער דער באַדייטנדיקסטער און וווּנדערלעכסטער צווישן אַלע צוויי טויזנט דריי הונדערט דיכטער איז געווען לי=טאַי=פּע. ער, דער אומרויקער גייסט, דער פון שיכּרות באַרוישטער וואַגאַבונד, האָט מיט זיינע ווערק משפּיע געווען די נאָכקומענדיקע דיכטער ביזן היינטיקן טאָג.

איינזאַמקייט, טרויער, רעזיגנאַציע זענען די הויפּטעלעמענטן אין דער דיכטונג פון לי=טאַי=פּע. נישטיקייט פון מענטש אַנטקעגן דער נאַטור און צוגלייך דערהויבנקייט פונם שעפערישן גייסט איבער אַלע צייטן. דעם שרעק פאַר דער פאַרגענגלעכקייט פּרוווט דער דיכטער צו דערטרינקען אין ווייַן און געזאַנג. דער וויין באַרוישט אים און דערפירט אים צו דעם צושטאַנד, אין וועלכן ער קען זיך דורכרעדן מיט זיינע נאָענטסטע חברים — דער לבנה און דעם שאָטן. דאָס געשאַפענע ליד קריצט אים איין אין זכרון פון דער אייביקייט. די ווייַן=לידער פון לי=טאַי=פּע געהערן צו די שענסטע אין דער וועלט=ליטעראַטור.

אין זיינע מלחמה־לידער איז פאַראַן אַ טיפער, אייביק מענטשלעכער טרויער. נישטאָ אין זיי דער קולט פון בלוט־דורשטיקייט. וואָס מיר טרעפן אָן אין מלחמה־לידער ביי אַנדערע דיכטער פון די אַלטע צייטן. מיר דערפילן: פלאַטערנדיקע בענקשאַפט פון פרויען נאָך זייערע מענער, שרעק וועגן די קינדער, וועלכע רייטן אַוועק פון זייערע מאַמעס און וועלן זיך שוין מער נישט אומקערן.[9]

נאָך ביזן היינטיקן טאָג זינגט דאָס כינעזישע פאָלק די לידער פון זיין גרויסן דיכטער. דאָס שענסטע ליד אָבער איז די לעגענדע וועגן דיכטערס טויט: לי־טאַי־פּע איז דערטראָנקען געוואָרן אין יאָר 762. זייענדיק באַרוישט פון שיכרות, האָט ער אין אַ העל־לער נאַכט געוואָלט פאַנגען די לבנה אין דער טיפ־קייט פון טייך און איז אַרויספאַלנדיק פון שיפל דאָרט אומגעקומען.

דאָס איז די לעגענדע, וואָס דאָס כינעזישע פאָלק האָט אויסגעשפּינט וועגן טויט פון זיין גרעסטן דיכטער.

איבערגעבנדיק דאָס בוך צום דרוק, וויל איך נאָך דאָ אויסדריקן מיין האַרציקע דאַנקבאַרקייט דעם דיכטער איציק מאַנגער פאַר זיין אָנרעגן מיך צו דער איבערדיכטונג פון די דאָזיקע לידער.

נחום באָמזע.



לי־טאַי־פּע — געמעל פֿון ליאַנג־קאַי.

# דאָס אייביקע ליד

איך מאָל אותיות באַהויכט פון איינזאַמקייט און ווײ.
דער באַמבוס כוואַליעט ווי אַ ים.
אויף בלעטער גלאַנצט דער טוי ווי פּערלשנירן,
איך שרייב לידער אויף גלימערנדע פּאַפּירן,
ווי פלוימען־צוויט אויסגעשיט אויף שניי.

ווי לאַנג דויערט דער מאַנדאַרין־ריח אונטערן אָרעם
פון אַ פרוי?
ווי לאַנג בליט דער שניי אין זונען־שיין?
אָ, ליד מיינס, וואָס איך שרייב אין איינזאַמקייט,
זאָלסט קיינמאָל, קיינמאָל נישט פאַרגיין!

# ליד װעגן זאָרגן

דער װײַן איז דאָ און דער װירט איז גרײט.
שענקער, דערלאַנג נישט דעם געטראַנק,
ביז איך װעל נישט זינגען דעם געזאַנג
װעגן טאָג װאָס פֿאַרגײט.
אַז דער טרױער קומט, װערט ליד און געלעכטער שטיל,
קײנער װײסט נישט װי ס׳גרילצט די טױטע גריל.

אָ־האָ... אָ־האָ...

שענקער, דו שױמסט דעם װײַן אין בײַכיקע פֿעסער
און איך פֿאַרמאָג אַ פֿלײט און אַ שאַרף מעסער.
מיר טרינקען דעם װײַן און זינגען פֿאַר פֿרײד,
װען אין זאַק ליגט דאָס גאָלד,
דאָס מעסער אין שײד.

אָ־האָ... אָ־האָ...

דער הימל איז אײביק. זאָל ער פֿון זײַן אײביקײט פֿאַרגינען
אױף דער ערד. אָ, װי לאַנג װעלן מיר זיך פֿרײען
מיט גאָלד און װײַן אין פֿאַרביקן שפּיל?
הונדערט יאָר קומען, הונדערט יאָר פֿאַרגײען.
מיט לעבן און טױט שפּאַנען מיר צום ציל.

אָ־האָ... אָ־האָ...

אָ, זעט ווי לבנה זילבערט די דעכער
און צווישן די גריבער ציטערט אַ מאַלפּע און הויערט,
יאָמערט און שרייט אין געוואָי פֿון טרויער.
ברידער, קלינגט אָן מיט די גלעזער. קערט איבער די בעכער
אָט אַזוי, אָט אַזוי.

אָ = האָ...

## די דריי חברים

צווישן בלעטער פֿון יאַשמין זיץ איך ביים ווײַן.
בלויער אָוונט־דעמער, אונזער היטער.
איבער די ביימער פֿאַרנוויגט זיך די לבנה מיט
גאָלדענעם שײַן,
פֿאַרנייג איך מיך אויך און דער שאָטן דער דריטער.

די לבנה וויל טרינקען — זאָל זי וועלן.
דער שאָטן הויבט דעם בעכער,
נאָר דער שוטה וועט קיין טראָפּן נישט באַקומען.
איך וויל דעם דורשט פֿון ביידע אין מיר שטילן,
טרינקען און לאַכן, זינגען און שווייגן,
כּל-זמן ס׳קלאַפּן נישט אויף דער ערד די דאַרע צווייגן.

קוקט אָן די לבנה: זי לאַכט צו מײַנע געזאַנגען און ווײַן.
קוקט אָן דעם שאָטן: ער טאַנצט, ווי קיינער וואָלט אים
נישט הערן.
אַז דער נעפּל פֿון רויש וועט אײַנהילן מײַן שטערן,
זײַט שיכּור ווי איך און שלאָפֿט מיט מיר אײַן.

חברים מײַנע, מאָרגן אָוונט, צום ווידערזען ביים ווײַן!

# אַליין אין דער נאַכט

איך הויער מיט מיין לאַנגווייל ביים לבנה=בלענד,
אַ מידער וואַנדערער שפּילט לידער אויף אַ זילבער=פּלייט.
דער ווינט וואָיעט ווי אַ קינד, וואָס וויינט און שרייט
און וויל נישט טרינקען די דערלאַנגטע מעדיצינען.
די לבנה טרייבט צונויף די וואָלקנס. שלאַנקע פּרויען=הענט
גלעטן דעם טייך, די תּפילות און די לאָנקעס גרינע.

## די ווײַטע פּלײט

דער אָונט אָטעמט מיט בלומען־צווײַט,
אין דעם ווײַטן ווינט שפּילט אַ פּלײט.
לאָזט מיך אויך אַ פּלײט אויסשניצן,
אויסצושפּילן איצט מײַן ליד,
ווי יענער פרעמדער אין דער ווײַט.

אַז ס׳פאַלט די נאַכט
אויף וואַלד און הויף,
הערן פייגל ווי צוויי פּלייטן
רעדן זיך צונויף.

# פרייד פון אַ זומער־נאַכט

פון פאַבריקע בערג גייען מיר אַראָפּ אין דער נאַכט.
די לבנה שווימט נאָך אונזער וועג.
איך בלייב שטיין אין אָוונט־דעמער און באַטראַכט
דעם וואַלד, דעם טייך, דעם פאַרלאָזענעם ברעג.

מיר גייען אנטקעגן דער נאַכט האַנט אין האַנט
און שטעלן זיך אָפּ ביי אַ וואַנט
פון אַ דאָרפישן הויז.
אַ פריינט וואַרט אונז אָפּ מיט אַ ווייסער רויז.

אָ, גליק! מיר זענען אַלע געקומען צו גיין,
פון ערדערנעם קרוג גיסט מען דעם ווײַן.
דעם ווינט אין די סאָסנעס זינג איך אַ ליד —
דער פויגל, די זשאַבע, דער וואָרעם זינגט מיט.

# דער פישער אין פרילינג־צייט

די ערד האָט איינגעזאַפּט דעם שניי.
אַרום דעם פלוימען־צווייג זשומען
בינען. ווערבעס בלענדן צו דער זון מיט גאָלד.
שמעטערלינגען, מיט פליגלען פּיאָלעט באַמאָלט,
פאַרגראָבן זייערע סאמעט־קעפּלעך אין די בלומען.

ווי אַן אינזל שטייט אין טייך דאָס שיפל.
ווינטן קומען צו פליען מיט לייכטע פליגל.
דער פישער וואַרפט זיין נעץ אויף דעם וואַסער־שפּיגל.
ער דערמאָנט זיך אָן די בלויע שוואַלבן — זיינע געסט —
באַלד וועט ער טראָגן עסנוואַרג צו זייער נעסט.

# דאָס רויטע צימער

עס טאַנצט מיין פערד. דער צוויט־רעגן רוישט
און צווייגן גלעטן מיינע באַקן צאַרט און ווייך.
ווי אַ ברוינע שלאַנג קריכט דער טייך,
אין שוים פון כוואַליעס אויפגעפרישט.

אַ מיידל שמייכלט. דער באַמבוס־פאָרהאַנג
הייבט זיך אונטער ווייסע פינגער פון דער שענסטער.
און פון דער ווייטנס לאָקט און ציט און רופט
אַ טונקלרויט, אויסגעחלומט פענסטער.

ווינקט צו מיר דאָס רויטע צימער פון מיין שענסטער.

# אַ בליק אין שפּיגל

פון האַרבסט־נעפּלען איז מיין שפּיגל בלינד.
איך קען שוין מער נישט צוריק
צום בלויען מאַי־טאָג פון מיין נעכטן.
פון מיינע ווייסע האָר וועל איך פאַרפלעכטן
אַ לאַנגן שטריק
און פאַרצילען אים אויף דעם לבנה־שיין.
און אַז די צונג וועט אַרויסשטעקן פון מיינע ציין,
שנייד זי אָפּ און וואַרף זי פאַרן הונט אַנידער
(דער הונט וועט דאַן אַ מבין זיין אויף שיינע לידער.)

## אַרױפֿן ברעג פֿון יאַ־רע

אין די שײנע שיפֿלעך, צװישן הױכן טשערעט
רײסן מײדלעך לאָטאָס־בלומען און בינדן זײ אין בינטן.
פֿאַר די טאַטע־מאַמע רײסן מײדלעך בלומען —
זײערע װײסע אַרבל פֿלאַטערן אין װינט.

ברעג־אַרױף פֿון טײך אונטער בלױע הימלען
רײטן יונגע רײטערס זאַלבאַדריט און זאַלבאַפֿערט,
פֿלוצים האָט אין לױף צעפּלאָשעט זיך אַ פֿערד —
ראָזע בלומען־בליטן צעטראָטן אױף דער ערד.

אײנע פֿון די מײדלעך װיל דעם פֿערד נאָכלױפֿן.
רױטער בלוטפֿלעק צינדט זיך אױף איר באַק פֿאַרשעמט.
אָן אײדלשטײן איר פּנים. בלישטשענדיקע שטרײפֿן
שפּיגלען זיך און ברעכן זיך אין דער גאָלדענער רעם.

# וואַנדערער כאַפּט זיך אויף אין האַרבעריק

אין פּוסטן האַרבעריק פון דער ווייטער פרעמד  
האָב איך זיך אויפגעכאַפּט ליכט געבלענדט  
פון די לבנה־שטראַלן.  
איז עס דער פראָסט, וואָס איז ביינאַכט געפאַלן  
אויף מיין דיל?  
איך הויב אויף צו דער לבנה מיין קאָפּ  
און לאָז אים אַראָפּ.  
איך דערמאָן זיך אָן מיין ווייטן וואַנדערציל.

## די ווייסע און די רויטע רויז

איך האָב זיך דורכן פענסטער היינט פאַרקוקט,
ווען איך האָב די ווייסע רויז אויסגעשטיקט.
האָט די נאָדל זיך פאַרשטאָכן אין מיין הויט
און די ווייסע רויז איז געוואָרן רויט.

אויף די ווייטע פעלדער צווישן באַרג און טאָל
איז אַוועק מיין ליבער מיט אַ שווערד פון שטאָל.
שוועסטער מיינע, הערסט? איך האָב געהערט
ווי ס׳טופּען, טופּען, טופּען פערד.
רייט ער אפשר דאָרטן מיט זיין שווערד?
ניין, איך האָב דאָס קלאַפּן פון מיין אייגן האַרץ געהערט.

אויף די פעלדער בלוטיקט אונזער לאַנד.
פאַלן מיינע טרערן אויפן זייד=געוואַנד.
העפט איך מיינע טרערן אין דעם זיידנס איין,
זאָלן מיינע טרערן ווייסע פערל זיין.

## די יונגע פרוי אויפן טורעם

אויפן טורעם שטייט אַ יונגע פרוי און וואַכט.
פון די יענטשי־בערג ביים אָנקום פון דער נאַכט
פלאַטערן בלעטער — ברוינע פייגל איבער חעבן —
אויף אַלע פעלדער לויערן געפאַרן.
דורך דונער, בליצן, האַרבסט און רעגן
גרייטן זיך אין מדבר די באַרבאַרן.
אויפן טורעם שטייט די יונגע פרוי און וואַכט.
יונגע העלדן, גרייטע צו דער שלאַכט
וואַרטן אויפן שונא — זיגן אָדער שטאַרבן!
דורכן רויטן טויער רייט אַוועק דער כאַן־שליח,
רויטער זון־פלעק בלוטיקט אויף זיין פליך.
דער טויטן־חאָרעם פיקט אין יעדן שאַרבן,
אויפן טורעם שטייט די יונגע פרוי און וואַכט.

## בעשריַיבּונג פֿון קראָען

די שטאָט אָטעמט מיט געלע זומערדיקע שטויבן.
אויף די בוימער זענען שוואַרצע קראָען אָנגעפֿלויגן.
אויף די צווייגן האָבן שוואַרצע קראָען זיך צעוויגט.
דעם יונגן זעלנערס ווײַב, וואָס האָט דעם זייד געשטיקט
קוקט צום האָריזאָנט מיט מידע, מידע אויגן.
קראָען שרייען. אויפֿן פֿאָרהאַנג איבער שויבן
פֿאַלט דער אָוונט. טונקלען זיך די ווענט.
דעם זעלנערס ווײַב לאָזט אַראָפּ די הענט. זי קלערט
פֿון דעם יונגן רײַטער, וואָס איר האַרץ באַגערט.
זי בײַט שטילערהייט צום בעט צו און זי טרערט
אַראָפּ איר בענקשאַפֿט ווי אַ זומער־רעגן.

# שלאַכט אין דער מדבר גאָבי

דער הימל טריפט מיט בלוט פון רויטע שטערן.
דעם שוים זאַפט איין דער מדבר-גאָבי-זאַמד.
דער זעלנער וועט דאָס לאַכן פון זיין מיידל מער נישט הערן.
זיין רייט-וואָגן איז מיט ווייסע פערד געשפּאַנט.

פון העליש פייער זענען אַלע לענדער אָנגעצינדן.
שלאַנקע רייטערס רייטן אין דער נאַכט.
דער מאָרד הילט זיך אין פענער ווי געוואַנטן.
דער ווערבל-ווינט ברענגט קולות פון דער שלאַכט.

פירשט לו-לאַנס קאָפּ האָט אָפּגעהאַקט אַ שווערד.
אַ רויטע פייל האָט אויסגעברענט זיין אויג און שטערן.
האַרבסט ברענט שאַרלאַך-רויט אין זעלנערס בערד.
שאַקאַלן בייסן זיך ביי אַ מענטשלעכן געהירן.

ווי טשאַטעס זילבערפייגל צום קייסער אָנגעפלויגן
זענען בשורות וועגן שונא דעם געשענדטן.
זעלנער קערן זיך אַהיים מיט העלע אויגן
און פרויען קנייען אויף די וועגן ווי מאָנומענטן.

## טויטע בלעטער פלאַטערן

טויטע בלעטער פלאַטערן אין ווינט.
קום, באַגלייט מיך צום שפּיץ פון דעם טורעם.
פון דער ים־זייט כמאַרעס שוואַרצע ווי טינט
קומען צו יאָגן אין האַרבסטיקן שטורעם.

ביי דער גאָבי־גרענעץ ליגן טאָטערן אויף לויער
דער כאַן־שליח קומט צוריק דורך דעם יומען־טויער.
אויף זיינע אַקסלען ציטערט די נאַכט.
צי וועלן מיר ווידער אַמאָל זען די זין,
וואָס רייטן אַוועק צו דער שלאַכט
פון זייער טאַטנס הויז?

אָ, פאַרוואָס ציטערסטו האַרבסטיקע ווינט?

# נאָך דער שלאַכט

איך וויג מיך אין מיין שונאס גאָלד=באַצירטן זאָטל.
דאָס ברוינע פערד מיינס יאָגט אַהיים אין געאייל.
די לופט רוט אין שטילקייט נאָך דעם שווערד=געפעכט.
ווי אַ פליג זשומעט דורך אַ לעצטע פייל.
די לבנה ביים אויף קאַלט און שטיל אין זילבער=גלאַנץ.
פון דער באַזיגטער פעסטונג שאַלט טראָמפּייט,
אָנגעטון אין געלן זייד
זע איך מיידלעך חיגן זיך אין טאַנץ.
דער טייך איז פול היינט מיט טויטע פיש.
די גאָלדענע שווערד אין מיין שייד
איז נאָך פון רויטן בלוט נישט אָפּגעווישט.

# די קללה פֿון מלחמה

אין טיפֿן שניי פֿון טען־שאַן פּאַשען זיך די פֿערד.
די חיילות ליגן אויסגעצויגן אויף דער ערד.

דער געלער מדבר מיט ווייסע ביינער אויסגעשפּרייט
דאָס געשריי פֿון פֿערד — שאַרפֿער עכאָ פֿון א פֿלייט.

איינגעדרייד פֿון זעלנער אויף צווייגן אויפֿגעהאָנגען.
קראָען קראַקען אויף די בוימער קראָישע געזאַנגען.

טויטע זעלנער ליגן אויף די פֿאַלאַק־טרעפּ.
— באַפֿעל די טויטער גענעראַל די טויטע קעפּ!

— — — — — — — —

## בעזעגענונג

דער הײנט דריקט מיך װי אַן ענגער פּרוּװען־שיך.
דעם נעכטן, װאָס איז פֿאַרפֿלױגן גיכער נאָך פֿון גיך,
װעל איך שױן קײנמאָל נישט דערױאָגן.
די קלײנע װאַנדערפֿײגל פֿלאַטערן מיט לײכטע פֿליגל
פֿון זײערע הײמען אין די האַרבסט־פֿאַרטאָגן.
אױסצושטורקן מײנע הענט גײ איך טורעם־אַרױף אַלץ העכער
און פֿול אָן מיט טרערן מײַן ליידיקן בעכער.

אָ, גרױסע דיכטער, װעל איך זײַן אין אײערע הײכן?
איך בין געקרױנט, זינגענדיק אײערע לידער.
נאָר מײנע פֿיס — זײ שפּאַנען אין דער נידער,
און דעם הימל קען איך נישט דערגרײכן.

װער קען דעם װאַסער־שטראַל מיט אַ שװערד צעשפּאַלטן?
װי אײל שװימט אױף דעם װײַן די נױט.
דער נעכטן איז אַװעק. איך קען אים נישט פֿאַרהאַלטן.
טרױעריק, טרױעריק אונזער טאָג, אָ, ברודער!
איך װאַרף זיך אין אַ שיפֿל אָן אַ רודער,
זאָל דער װינט צעשױבערן מײַן קאָפּ,
זאָלן כװאַליעס טראָגן מיך אַרױף, אַראָפּ.

# אויף חורבות פון אַלטע פּאַלאַצן

אויף חורבות פון אַלטע פּאַלאַצן
הענגען אַראָפּגעבויגן די צווייגן
און פאַרוויקלען מיט טונקעלן שווייגן
דעם שלאָס אין לבנה־גלאַנץ.
אין פאַרלאָזטע זאַלן טאַנצט די לבנה אַליין
דאָרט ווו אַזויפיל שיינע פרויען
האָבן געוויגט זיך אין טאַנץ.

# די אייביקע

ס׳געזאַנג פֿון פֿייגל וועט פֿאַרשטומען
די געלעכטער אין שפּעטן זומער.
גראָער וואָלקן איבער טייכן וועט פֿאַרגיין.
נאָר דער באַרג קינג־טינג
און דער קאַרליק לי־טאַי־פּע
וועלן אייביק, אייביק שטיין.

# דער בושל

האַרבסט־צייט קרייזט איבערן זומפּיקן פּליין
אַן אַלטער בושל, באַזילבערט מיט פראָסט, איינער אַליין.

איך שטיי פאַרלאָזט ביי דעם זומפּן־ראַנד,
מיינע בליקן וואַנדערן איבערן האָריזאָנט.

## געזעגענונג

די גרינע בערג אין צפון הויבן זיך ווי טורעמס,
מיט ווייסן שוים יאָגט דער שטראָם צו יענער זייט.
האַרץ מיינס, זיי שטאַרק! אָט דאָ וועלן מיר זיך געזעגענען
איינזאַם וועט זיין שיף פאַרפליען אין דער ווייט.

ווי וואָלקנס פליען די געדאַנקען ביי דעם וואַנדערער,
פאַר מיר זינקט אַראָפּ די זון אויף טונקעלער ערד.
מיר דערלאַנגען זיך די הענט צום לעצטן מאָל —
אין בליען אָוונט־דעמער הירזשען אונזערע פערד.

# אָדע צו נאַנקינג

אין קרייז פון זעקס מלוכות ביסטו געווען אַרומגערינגלט.
דריי בעכערס וויין טרינק איך אויס דיר אַ ליד צו זינגען.
אין טסין=לאַנד קלינגען די גערטנער מיט העלן געזאַנג,
נאָר די בערגלעך אָנגעשפּאַנטע ווי רעגנבויגנס,
זענען פאַרביקער ווי די שפּיצן פון לאָ=יאַנג.

איצט אין אָוונט=דעמער לאָמיר זיך דערמאנען:
דאָ, ווו דאָס ווילדגראָז וואַקסט און שמעטערלינגען
פלאַטערן, איז אַ קייסער=שלאָס געשטאַנען.
אין טאָל האָט דאָס פערד געהירזשעט,
אַ מיידל האָט געזונגען אויפן טורעם פאַרן זון=פאַרגאַנג.
אָ, ווו איז דער קייסער און דער פּאַלאַץ, ווו איז דאָס
פערד און דאָס מיידל?
אַלץ פאַרפלויגן, ווי די כוואַליעס אין די טיפע וואַסערן
פון יאַנג=טסע=קיאַנג.

# ליד פון טו-פו צו לי-טאַי-פע

מען רופט דיך אייביק פאַלנדיקער טראָפּן
הימל-בלוי און זוניק —
דער רויש פון דיינע לידער
קרישלט די שפּיז פון זעלנער,
דאָס לאַנד פון קיניג.

דו ביסט די זון, וואָס מיר זעען אין זעניט.
שטורעם, ווען די וואָלקנס קראַכן — דיין ליד.
דיינע לידער רעגנסטו אויס ווי טרערן,
גאָט אין זיינע הויכן טוט זיי הערן.
ער שמייכלט, ווײנט אין לבנה-שיין ביינאַכט
און מיינט, אַז ער אַליין האָט זיי אויסגעטראַכט.

טו-פו — באַרימטער כינעזישער דיכטער, אַ צייט-חבר פון לי-טאַי-פע.

# אינהאַלט:


| | |
|---|---|
| דאָס אייביקע ליד . . . . . | 11 |
| ליד וועגן זאָרגן . . . . . | 12 |
| די דריי חברים . . . . . | 14 |
| אַליין אין דער נאַכט . . . . . | 15 |
| די ווייטע פלייט . . . . . | 16 |
| פרייד פון אַ זומער-נאַכט . . . . | 17 |
| פישער אין פרילינג⸗צייט . . . . | 18 |
| דאָס רויטע צימער . . . . . | 19 |
| אַ בליק אין שפּיגל . . . . . | 20 |
| אויפן ברעג פון יאַ⸗יע . . . . . | 21 |
| דער וואַנדערער כאַפּט זיך אויף . . . . | 22 |
| די ווייסע און די רויטע רויז . . . . | 23 |
| די יונגע פרוי אויפן טורעם . . . . | 24 |
| געשריי פון קראָען . . . . . | 25 |
| שלאַכט אין דער מדבר גאָבי . . . . | 26 |
| טויטע בלעטער פלאַטערן . . . . | 27 |
| נאָך דער שלאַכט . . . . . | 28 |
| די קללה פון מלחמה . . . . . | 29 |
| געזעגענונג . . . . . | 30 |
| אויף חורבות פון פּאַלאַצן . . . . | 31 |
| די אייביקע . . . . . | 32 |
| דער בושל . . . . . | 33 |
| געזעגענונג . . . . . | 34 |
| אָדע צו נאַנקינג . . . . . | 35 |
| ליד פון טו⸗פו צו לי⸗טאַי⸗פּע . . . . | 36 |

## ביכער פון נחום באַמזע:

### אין טעג פון דער וואָך

לעמבערג 1929.

### באַרוועסטע טריט

וואַרשע 1936.